98

## אַ ביאָגראַפֿישע נאָטיץ פֿון יצחק באַשעוויס פֿאַר זלמן רייזען

די ביאָגראַפֿישע נאָטיץ וואָס מיר ברענגען דאָ, האָט יצחק באַשעוויס געשיקט ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה פֿון ניו־יאָרק צו זלמן רייזען אין ווילנע פֿאַר זײַן לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, און איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן צווישן די פֿאַרגראָבענע קולטור־אוצרות אין ווילנער געטאָ.

גערערטער ח׳ רייזען!

אויף אײַער קאַרטל האָב איך די ערע צו ענטפֿערן:

1) מײַן נאָמען: יצחק זינגער. מײַן פֿאָטערס: הרבֿ פּנחס מנחם. 2) געבוירן אין שטעטל לעאָנטשין בײַ דער ווײַסל, וווּ מײַן פֿאָטער איז געווען רבֿ. געב[וירן] 1904. 3) מײַן מוטערס נאָמען בת־שבֿע, טאָכטער פֿון בילגאָרײַער רבֿ, לובלינער גוב[ערניע]. 4) רעליגיעזע ערציִונג. געלערנט אַ קורצע צײַט אין וואַרשעווער ראַבינער־סעמינאַר „תחכמוני״. 5) אַריבערגעקומען קיין וואַרשע ווען איך בין אַלט געווען 3 יאָר. 6) אָנגעהויבן צו שרײַבן אין העברעיִש. געדרוקט עטלעכע קליינע ערציילונגען אין דער העב[רעיִשער] צײַטונג היום אין וואַרשע. באַלד איבערגעגאַנגען אויף יידיש. 7) די ערשטע ערציילונג אונטערגעשריבן „י. באַשעוויס״ געדרוקט אין נומער 80 ליטעראַרישע בלעטער. מיטגעאַרבעט אין הײַנט, פֿאָרווערטס, עקספּרעס, זיך באַטייליקט אין דעם זאַמלבוך וואַרשעווער שריפֿטן, אין דעם זשורנאַל די יידישע וועלט און אַנד. געווען צוזאַמען מיט אַהרן צייטלין מיטרעדאַקטאָר פֿון די צוויי זאַמלביכער אַ מאָל און אַ יובֿל און פֿון ליט[עראַרישן] חודש־זשורנאַל גלאָבוס. איבערגעזעצט צויבערבאַרג פֿון טאָמאַס מאַן, אויפֿן מערבֿ־פֿראָנט קיין נײַעס און צוריקוועגס פֿון רעמאַרק, וויקטאָריאַ, פּאַן, וואָגלער פֿון קנוט האַמסון און אַנד. אַרויסגעגעבן אַ בוך דער שׂטן אין גאָרײַ פֿאַרלאַג פֿון וואַרשעווער פּען־קלוב.

איצט וווין איך אין ניו־יאָרק.

מיט אַכטונג

י. באַשעוויס